בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת משפטים תשפ"ה** **גליון 782 [שנה י"ז]**

**חומרות זענען מבטל דינים פון מענטש**

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: (כא א) רש"י איז מפרש לִפְנֵיהֶם ולא לפני עכו"ם, מען קען מרמז זיין דברי רש"י לויט וואס עס שטייט אין הייליגן ספר **אך פרי תבואה ליסקא** (פ' ויחי אויפן פסוק שמעון ולוי אחים), דער טעם פארוואס אין יעדן דור איז מען מוסף נייע חומרות און גדרים, ווייל די חומרות וגדרים זענען מבטל דינים, און אזוי ווי אין יעדן דור ווערט פארמערט מער דינים אויף אידן, דעריבער דארף מען מער חומרות צו מבטל זיין די אלע דינים עכ"ד, קומט אויס אז אין די בית המקדש איז געווען דעם קרבן תמיד: אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם: (במדבר כח ד) און עס שטייט אין רש"י אויפן פסוק (ישעיהו א כא) צֶדֶק יָלִין בָּהּ: חז"ל זאגן **מעולם לא הי' אדם בירושלים ובידו עוון. כיצד תמיד של שחר מכפר על עבירות שבלילה, ושל בין הערבים מכפר על עבירות שנעשו ביום.** שטייט אז די תמיד של שחר האט מכפר געווען אויף די עבירות פון באנאכט, און די תמיד של בין הערבים האט מכפר געווען אויף די עבירות פון בייטאג, קומט אויס אז אין בית המקדש האט נישט איבער געכטיגט עבירות איז נישט געווען דינים אויף די אידן, צוליב די קרבן תמיד, משא"כ היינט אין גלות האבן מיר נישט די קרבן תמיד, דארף מען אנקומען צו חומרות צו מבטל מאכן די דינים, קען מען יעצט מסביר זיין, וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים, מיינט די עיקר דינים וואס שטייט אין שו"ע, אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, דאס איז לִפְנֵיהֶם פאר מיר זענען געגאנגען אין גלות, אבער **ולא לפני עכו"ם**, ווען מיר זענען אין גלות קען מען נישט נאר פירן ווי עס שטייט אין שו"ע, נאר מען דארף כסדר מוסף זיין חומרות צו מבטל מאכן די דינים, דאס מיינט רש"י מָה הָרִאשׁוֹנִים מִסִּינַי, אזוי ווי די שו"ע איז מסיני, אַף אֵלּוּ מִסִּינַי, אזוי אויך זענען די חומרות און גדרים אויך פון סיני, אז מען דארף זיך פירן מיט די חומרות, ווייל עס איז אזוי חשוב ווי די שו"ע אליין, כדי מבטל מאכן די דינים, לפי"ז איז גוט די סמיכות פון פ' יתרו וואס רעדט וועגן די מזבח, אז דעמאלט צוליב די קרבן תמיד דארף מען טאן נאר וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים לויט די שֻׁלְחָן עָרוּךְ. (הר צבי רייכמאן)

**מיט אמונה איז מען א עבד ה' און מען האט פרנסה**

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: (כא א) שטייט אין מדרש (שמות רבה פ"ל י"ד) דוד זאגט (תהלים יט י) יִרְאַת ה' טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד, דאס מיינט א מענטש וואס לערנט אבער ער האט נישט יראת שמים האט ער פאר זיך גארנישט און א משל צו א מענטש וואס האט א גרויסע מאס תבואה אדער ווייץ אדער שמן אויב ער האט נישט כלים זיי אריין צולייגן האט ער פאר זיך גארנישט, אזוי ווי עס שטייט יִרְאַת ה' הִיא אוֹצָרוֹ (ישעיה לג ו), דורך יראת שמים גייט די לימוד אין דיין אוצר עכ"ד. אסאך מפרשים זענען מסביר דעם מדרש אבער די שייכות צום פסוק וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים איז מסביר דער **אשד הנחלים** אויף מדרש, ווייל פ' משפטים רעדט זיך וועגן מצוות ווי זיך צו פירן בין אדם לחבירו, איז נאר דורך יראת שמים וועט מען טאן גוטס פאר דיין חבר און זיך אפהיטן פון טאן שלעכטס צו אים, מען קען זאגן אז דער מדרש גייט ארויף אויף די פרשה פון עבד עברי וואס דאס איז די ערשטע דין פון משפטים, ווייל חז"ל זאגן (פסחים דף קי"ח) קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף, און די שייכות פון זיי ביידע קען זיין, ווייל ביי קריעת ים סוף האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה מַה תִּצְעַק אֵלָי, איז מפרש די מדרש ווייל די אידן האבן נישט געהאט א זכות, אבער דורך די זכות פון אמונה וועט מען שפאלטן די ים פאר זיי, דאס איז אויך ביי פרנסה וואס איז שווער אויב מען האט נישט זכותים, אבער מיט די זכות וואס מען וועט האבן אמונה אין אויבערשטן ווערט מען א עבד ה' און אין די פרשה פון עבד עברי שטייט אז דער אדון איז מחוייב צו געבן פרנסה פאר די ווייב און קינדער פון עבד, ממילא וועט דער אויבערשטער געבן פרנסה דורך אמונה, און דאס מיינט לְקוֹנֶה עֲבָדָיו בַּדִּין, אז דורך אמונה ווערן מיר זיינע עבדים, דעריבער שטעלט צו די פסוק יִרְאַת ה' טְהוֹרָה "עוֹמֶדֶת" לָעַד, צו מרמז זיין אויף פרנסה ווייל "עוֹמֶדֶת" איז מרמז אויף פרנסה, אזוי ווי עס שטייט (דברים יא ו) וְאֵת כָּל הַיְקוּם אֲשֶׁר בְּרַגְלֵיהֶם זאגט רש"י פון גמ' (סנהדרין ק"י ע"א) זֶה מָמוֹנוֹ שֶׁל אָדָם שֶׁמַּעֲמִידוֹ עַל רַגְלָיו. (ויגד יעקב פאפא)

**א דיין דארף האבן יראת ה'**

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: (כא א) שטייט אין מדרש (שמות רבה פ"ל י"ד) דוד זאגט (תהלים יט י) יִרְאַת ה' טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד, די שייכות צום פסוק וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים, ווייל די המשך הפסוק איז מִשְׁפְּטֵי ה' אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו: קען מען טייטשן אז דוד המלך זאגט אז כדי א דיין זאל פסקנען אמת, מוז ער אויך האבן יראת ה' טהורה, ווייל אויב נישט קען ער דורכפאלן מיט נעמען שוחד אדער קרום פסקנען, און דאס מיינט צָדְקוּ יַחְדָּו, ווען עס איז דא משפט מיט יראת ה' איז דאס צדק, דעריבער זאגט דער מדרש וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים, די אלע דינים וואס מען גייט רעדן אין די פרשה, קען נאר זיין ריכטיג, אויב מען האט יִרְאַת ה' טְהוֹרָה. (שמח זבולון תשפ"ה)

**פארוואס הייסן דיינים אלהים?**

וְהִגִּישׁוֹ אֲדֹנָיו אֶל הָאֱלֹהִים (כא ו) זאגט רש"י **אֶל הָאֱלֹהִים**. מיינט בֵּית דִּין, צו פארשטיין פארוואס דיינים רופט מען אלהים, קען מען זאגן לויט וואס די גמ' (שבת דף י ע"א) זאגט **כל דיין שדן דין אמת לאמיתו אפילו שעה אחת מעלה עליו הכתוב כאילו נעשה שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית**, ווען א דיין פסקענט ריכטיג ווערט ער א שותף צום אויבערשטן אין די בריאת העולם, און עס שטייט אז די וועלט איז באשאפן געווארן מיטן שם **אלקים**, **בראשית ברא אלקים**, ממילא איז גוט וואס דער דיין ווערט אנגערופן **אלהים**, ווייל ער ווערט א שותף מיט אלקים אין די בריאה. (הגיוני אהרן וינר)

**וואס איז די שייכות אם כסף תלוה מיט העני עמך?**

אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי אֶת הֶעָנִי עִמָּךְ: (כב כד) דער פסוק איז שווער וואס איז דער שייכות פון כֶּסֶף תַּלְוֶה צו הֶעָנִי עִמָּךְ וואס דאס איז צדקה? נאר די גמ' (בבא מציעא דף ע"ה) זאגט: דריי מענטשן שרייען אבער מען קען זיי נישט העלפן, און איינער פון זיי איז דער וואס פארבארגט געלט אן עדים, און שלמה המלך זאגט מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף (משלי כא יד) אז צדקה זאל מען געבן מתן בסתר, ווייל דאס איז גאר חשוב און נעמט אוועק דינים פון מענטש, דאס מיינט דער פסוק אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אויב דו פארבארגסט געלט דעמאלטס אֶת עַמִּי, זאלסטו נעמען עדים, אבער אֶת הֶעָנִי, ווען דו גיסט צדקה צום ארימאן, דעמאלטס עִמָּךְ, נאר דו מיט אים, און קיינער זאל נישט זען, מתן בסתר. (מדרש יהונתן אייבישיץ)

*מדור העובדות*

## פארלוירן די וועג אין וואלד כדי צו מתקן זיין א נשמה

הרה"ק ר' ישראל דוב בער בן ר' יוסף איז געבוירן געווארן תקמ"ט ער איז געוועזן א תלמיד מובהק פון הרה"ק ר' מרדכי מגיד פון טשארנאביל זצוק"ל, (כ"א טבת תר"י) די ערשטע וואך פון שובבי"ם, זיין קבר איז געווען אפגעהיטן אלע יארן ווייל די גוים האבן געהאט גרויסע ישועות ביי זיין ציון, זיין ספר שארית ישראל איז געבויט אויף די גרויסקייט פון שובבי"ם, און ער איז נסתלק געווארן זיע"א.

ער האט געהאט א חסיד ר' חיים, איינמאל האט ר' חיים זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג פרייטאג אינדערפרי צו גיין קיין ווילעדניק. די נסיעה פלעגט נעמען א פאר שעה, אבער דאס מאל האט זיך עפעס פארקרומט די וועג און ער האט זיך פארבלאנדז'עט אין וואלד און ער טרעפט נישט קיין וועג ארויס. דער שבת רוקט זיך אן און ער איז מחליט אז דער רצון ה' איז צו זיין דארטן שבת. אזוי זוכענדיג א הויז זעט ר' חיים פון דערווייטנס א קליין הויז און ער בעט דעם אויבערשטן ער זאל טרעפן חן אז יענער זאל אים אריינלאזן אויף שבת.

ר' חיים פארט צום הויז און בינט צו זיין פערד און וואגן און קלאפט אן אויפן טיר, א אלטער גוי עפענט אים די טיר און ר' חיים פרעגט דעם גוי צו ער קען דא זיין שבת? דער גוי האט געזאגט פאר 2 רובל וועט ער אים דינגען א צימער. ר' חיים האט נישט געקוקט אויפן פרייז, נאר איז געווען צופרידן אז ער וועט קענען פראווען דער שבת במנוחה אין א שטוב. ר' חיים גיט א שבח והודאה פארן אויברשטן און איז זיך מקשר מיטן הייליגן צדיק אזוי ווי ער איז ביי אים אין ווילעדניק, און ער שטעלט זיך דאווענען מיט שמחה און כוונה. אבער זיין שמחה איז געווארן צושטערט ווען גלייך נאכן דאווענען האט ער געהערט ווי די טיר פון שטוב עפענט זיך און ער הערט ווי מענטשן קומען אריין און פרעגן טאטע! וועמענס וואגן איז צוגעבונדן אינדרויסן? האט דער אלטער גוי דערציילט אז ער האט פארדונגען א צימער פאר א איד.

די יונגע גוים האבן זיך ארויסגעלאזט אין א גרויסן געלעכטער און געזאגט: יעצט וועלן מיר האבן נאך א קרבן! און עס גדויערט נישט לאנג ביז דריי יונגע גוים עפענען די טיר פון ר' חיים'ס צימער און זאגן אים אז דאס איז דיינע לעצטע מינוטן און קענסט זאגן וידוי! ר' חיים האט זיי געבעטען: אז ער קען דאך סיי ווי נישט אנטלויפן פון דא, בעט ער פון זיי, ער זאל אריינכאפן נאך איין שבת, די גוים האבן זיך צוזאמען גערעדט און האבן מסכים געווען.

זיי האבן געהאט א גרויסער הונט וואס האט געווארפן א פחד אויף יעדן און זיי האבן געלייגט דעם הונט זאל אכטונג געבן ביים טיר אז ר' חיים זאל נישט ארויסגיין פון צימער, און איר אנגעזאגט אויב ער וועט וועלן ארויסגיין זאל ער אים צורייסן. די גוים האבן פארלאזט דעם צימער און ר' חיים האט זיך גענומען וואשן צו סעודת שבת, אבער פון פחד און שרעק האט ער נישט געקענט ארייננעמען די חלה אין מויל. ער האט אוועקגעלייגט די חלה לעבן הונט און צו זיין וואונדער האט די הונט דאס אויפגעגעסן. דערווייל האט ר' חיים זיך גענומען זינגען די זמירות שבת און ר' חיים זעט ווי דער הונט נעמט נישט אראפ די אויגן פון אים אזוי ווי דער הונט האלט מיט מיטן זינגען.

ר' חיים האט נישט צו געמאכט א אויג די גאנצע נאכט, נאר געזאגט תהלים א גאנצע צייט מיט בכיות און השתפכות הנפש ביז עס איז געווארן אינדערפרי און ער האט זיך געשטעלט דאווענען א לענגערע צייט. די גוים פארן גיין צו די ארבעט האבן זיי ווייטער געהייסן דעם הונט אכטונג געבן אויף ר' חיים ביז זיי וועלן צוריק קומען שפעטער ביינאכט. נאכן דאווענען האט זיך אפגעשפילט די זעלבע ווי ביינאכט און ר' חיים האט געגעבן די חלה פארן הונט און ער האט דאס אויך געגעסן.

ר' חיים הויבט אן זינגען זמירות און דער הונט קומט לעבן ר' חיים און לייגט זיך לעבן אים! ר' חיים האט שוין יעצט אפגעאטעמנט אביסל לייכטער, און האט פארשטאנען אז דאס איז א הייליגע נשמה וואס דארף א תיקון. ר' חיים האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה און האט זיך געוואשן צו שלש סעודות אבער ער קען ווייטער נישט עסן פון די חלה, און האט ווידער געגעבן די חלה פארן הונט, וואס האט דאס אויך אויפגעגעסן. ר' חיים הויבט אן צו זינגען זמירות און דער הונט קומט נאנט צו ר' חיים און לייגט זיך אויף זיין שויס אזוי ווי צו זאגן דו ביזט מיין בעל הבית יעצט!

ר' חיים האט שוין געפילט אז עס איז שוין ליכטיג פאר אים, און האט פארשטאנען אז דער הונט וועט אים שוין נישט שטערן, און וועט קענען אנטלויפן איידער די גוים קומען צוריק! גלייך מוצאי שבת גייט ר' חיים ארויס פון צימער און צו זיין וואונדער גייט דער הונט פאראויס. ר' חיים נעמט זיין וואגן און הויבט אן צו פארן און דער הונט ווערט זיין וועג ווייזער. אבער אין מיטן וועג קומען אים אנקעגן די דריי גוים און ווען זיי האבן אים דערזען האבן זיי געזאגט: יעצט וועט מען זיך שוין נעמען צו דיר! און זיי האבן געהייסן די הונט זיך נעמען צו ר' חיים! אבער דער הונט האט גענומען שפרינגען אויף די 3 גוים און זיי צוריסן.

ר' חיים האט געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן און געפארן א ביסל ווייטער ביז ער איז געווען אויפן גלייכן וועג, וואס ער האט שוין דאס געקענט. און פלוצלינג גיט דער הונט א געשריי און ר' חיים האט געזען ווי דער הונט ליגט טויט. ר' חיים האט אים צוגעדעקט און איז גלייך געפארן קיין ווילעדניק און געוואלט דערציילן פארן צדיק וואס איז געשען מיט אים! אבער צו זיין וואונדער האט אים דער צדיק מקדים געווען און געזאגט: האסט אונז געמאכט א שווערע עבודה דעם שבת, אבער זאלסטו וויסן אז דו האסט געהאט א זכיה צו מתקן זיין א הייליגע נשמה וואס ווארט שוין יארן אויף א תיקון! און מיט די חלה פון די ערשטע צוויי סעודות האט ער שוין געהאט זיין תיקון, און ווייל דו האסט אים אויך געגעבן פון די חלה פון שלש סעודות האסטו אריינגעגעבן א קדושה אין זיין גוף אויך, דעריבער גיי און באגראב דעם הונט בדרך כבוד. ר' חיים האט געפאלגט אלעם וואס דער צדיק האט אים געהייסן. ער האט געדאנקט דעם רבש"ע פאר די נס און יעצט האט ער שוין פארשטאנען פארוואס ער האט זיך פארבלאנדז'עט. אלעם איז געווען מיט א חשבון פון אויבערשטן. זיע"א


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

14 כרכים שונים גמרות זיטאמיר חסר שבת, כתובות גיטין קדושין נדרים ג' בבות וחולין $12000 סידור תורה אור שנגהאי תש"ו $2000 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500 חיבור כת"י על האותיות עפ"י קבלה תרצ"א מביא מקומארנא $1000 הזמנה בכתב יד מהרה"ק ר' ישראל מטשורקוב לנשואי בנו רב נחום מרדכי $3500 מכתב ארוך של הגה"ק ר' שאול בראך $7000 תהלים זיטאמיר עם מצודות $24000 מכתב חריף של הגאון ר' משה פיינשטיין להר' יצחק מאיר לעווין לברר האמת על ילדי מארוקו מה עשו להם המדינה $2800 תהלים זיטאמיר מהסידור $7000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי והגאון ר' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר התמונות ופעילות של וועד ההצלה $1000 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $5000 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30

**To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com***

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש אויך אלטע געלט